**זמנים (NYC)**

הדלקת הנרות................7:14

מוצאי שב"ק.................8:43

**שיעורים כסדרן**

נ"ך.................שיר השירים ו'-ז'

בבלי.................עבודה זרה ע"ג

ירושלמי.............כתובות ס"ד

תוספתא..................מנחות י'

רמב"ם......................עבדים ט'


# גליון היכל הקודש


וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שופטים, ו' אלול, שנת תשפ"ה לפ"ק, אבות פרק ו'

שנה 14, גליון 48 (716)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כִּי תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב מִמְּךָ לֹא תִירָא מֵהֶם. דִי אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט פַּאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַז וֶוען זֵיי גֵייעֶן אַרוֹיס אִין מִלְחָמָה, אוּן זֵיי זֶעהֶען וִוי דֶער פַּיינְט אִיז פִּיל מֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער פוּן זֵיי, זָאלְן זֵיי נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן. דֶער כֹּהֵן מָשִׁיחַ מִלְחָמָה זָאלְן זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן אוּן זָאגְן פַּאר דִי אִידְן, "אִיר זָאלְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן דִי גוֹיִם, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֵייט מִיט אַייךְ, עֶר וֶועט אַייךְ הֶעלְפְן אוּן מִלְחָמָה הַאלְטְן פַּאר אַייךְ". זָאגְן דֶערוֹיף דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה מב.) דֶער כֹּהֵן מָשִׁיחַ מִלְחָמָה הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן נִישְׁט וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן דֶערְשְׁרָאקְן פוּן דִי גֶערוּדֶער פוּן דִי מֶעכְטִיגֶע פֶערְד, פוּן דִי קוֹלוֹת פוּן זֵייעֶרֶע פַאנְצֶערְס וָואס קְלַאפְּן ווִילְד, פוּן דִי רַעַשׁ פוּן דִי שׁוֹפְרוֹת וָואס זֵיי בְּלָאזְן מִיט דֶעם הוֹיךְ, אוּן פוּן דִי מֶעכְטִיגֶע גֶעשְׁרֵייעֶן, נָאר זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן ווִיסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אוּנְז.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ק"כ), אַזוֹי וִוי בַּיי אַ גַשְׁמִיוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, זוּכְט מֶען אַרַיין צוּ וַוארְפְן דֶעם שׂוֹנֵא אִין אַ פַּחַד, אוּן דוּרְךְ דֶעם אַנְטְלוֹיפְן זֵיי, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ וֶוערְן דֶערְשְׁרָאקְן, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט דִי רוּחֲנִיוּת'דִיגֶע מִלְחָמָה, דֶער יֵצֶר הָרָע זוּכְט אַרַיין צוּ וַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן שְׁוַואךְ אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, אוּן דָאס אִיז דֶער נִסָּיוֹן פוּנֶעם מִלְחָמָה, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט שְׁוַואךְ וֶוערְן, נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן, זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם, נָאר וַוארְטְן אוֹיף אַ יְשׁוּעָה. נִישְׁט אַוֶועק צוּ גֵיין, נִישְׁט אַנְטְלוֹיפְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם.

אַפִילוּ עֶס קוּקְט אוֹיס אַזוֹי מָאדְנֶע אַז אִיךְ זָאל נָאךְ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה אוּן וֶוערְן אַ צַדִיק, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ בִּין שׁוֹין אַ פַארְפַאלֶענֶער, אִיךְ קֶען נִישְׁט, קֵיינֶער דַארְף מִיךְ נִישְׁט, מֶען הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ טַאפּ אַ וַואנְט, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ גֵיי אִין דִי פִינְסְטֶער, ווִיפִיל אִיךְ פְּרוּבִיר גֵייט עֶס מִיךְ נִישְׁט. אִיךְ ווִיל זַיין אַ פָּשׁוּטֶ'ער אִיד, אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל דַאוֶוענֶען, אִיךְ מַאךְ יֶעדְן טָאג אָפּ פוּן פְּרִישׁ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, צוּ זַיין וואוֹיל, אוּן עֶס גֵייט מִיךְ נִישְׁט. זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי: לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין רָצוֹן צוּ זַיין גוּט, גֵיי יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווִיל אוֹיךְ דַאוֶוענֶען, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע קְדֻשּׁוֹת", וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט צוּם סוֹף זוֹכֶה זַיין צוּ קְדוּשָּׁה.

מֶען זֶעט בַּיי 'גַשְׁמִיוּת' אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל מְיַאֵשׁ, אַפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט פְּרוּבִירְט אֵיין מָאל צוּ מַאכְן אַ גֶעשֶׁעפְט אוּן עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען, וֶועט עֶר זוּכְן צוּ מַאכְן אַ צְוֵוייטֶע סָארְט גֶעשֶׁעפְט, אָבֶּער וֶוען עֶס קוּמְט צוּ 'רוּחָנִיוּת' טְרַאכְט דֶער מֶענְטְשׁ: 'נֶע, עֶס אִיז נִישְׁט פַּאר מִיר, עֶס אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַּאר חָשׁוּבֶ'ע אִידְן...' פַארְוָואס זָאלְסְטוּ דָאס זָאגְן?! קֶענְסְט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בֶּענְק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן מח), אַז אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זֶענֶען אַרִיבֶּער דִי זֶעלְבֶּע אוּן נָאךְ מֶער שְׁוֶועריִקְייטְן, עֶס הָאט זֵיי אוֹיךְ אוֹיסְגֶעזֶען וִוי קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵייעֶר זַייט אוּן זֵיי וֶועלְן שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין קֵיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז זֵיי מוּטְשֶׁען זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס רוּקְט זִיךְ גָארְנִישְׁט צוּם גוּטְן, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעהַאלְטְן שְׁטַארְק אוּן פְּרוּבִירְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, נָאר אַזוֹי הָאבְּן זֵיי מַצְלִיחַ גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. אוֹיף אַלֶע צַדִיקִים אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען וָואס אִיז אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען, אוּן נָאר וַוייל זֵיי הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן זֶענֶען זֵיי צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת.

אַ מֶענְטְשׁ מוּז זִיךְ שְׁטַארְקְן, אַפִילוּ דֶער יֵצֶר הָרָע קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶועל אִיךְ זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. וֶוען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, מֶען שְׁלָאגְט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, וֶוער אִיז דֶער גֶעווִאוּנֶער? דֶער וָואס גֶעבְּט דֶעם לֶעצְטְן פַּאטְשׁ; אַז אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט אַ פַּאטְשׁ פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, עֶס אִיז אִים גֶעלוּנְגֶען מִיךְ אַרָאפּ צוּ וַוארְפְן, אִיךְ הָאבּ פּוֹגֵם גֶעוֶוען, אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן וואוּ אִיךְ בִּין דוּרְכְגֶעפַאלְן, וֶועל אִיךְ אִים צוּרִיק גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ, אִיךְ וֶועל זִיךְ נָאכְאַמָאל אוֹיפְהֵייבְּן, זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל זַיין.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעמַאכְט "טוֹיזְנְט הַתְחָלוֹת אִין אֵיין טָאג", הַלְוַאי זָאלְן מִיר כָאטְשׁ אֵיין מָאל אַ טָאג זִיךְ נָאכְאַמָאל בַּאנֵייעֶן, נָאכְאַמָאל אָפְּמַאכְן צוּ וֶועלְן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, נָאכְאַמָאל וֶועלְן אִינְזִינֶען הָאבְּן דָאס דַאוֶוענֶען, נָאכְאַמָאל וֶועלְן הִיטְן דִי אוֹיגְן, אוּן נִישְׁט טְרַאכְטְן 'נֶע עֶס אִיז נִישְׁט פַּאר מִיר', - נָאר עֶס אִיז יָא פַּאר מִיר! אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן זַיין אַ צַדִיק, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל וֶועלְן, אִיךְ גֵיי נָאכְאַמָאל בֶּענְקֶען דִיךְ צוּ דִינֶען אַפִילוּ עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִיקִים.

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, שׁוֹפְטִים תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן חַ"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואוּ מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זי"ע פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן

<<<<<<<

## א גוט ווארט

מֶען מוּז הָאבְּן אַ מוֹרֶה דֶרֶךְ וֶועם מֶען פְרֶעגְט אַלֶע סְפֵיקוֹת, צוּ ווִיסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, עֶס אִיז זִיכֶער דָא אִין יֶעדֶע דוֹר צַדִיקִים וָואס קֶענֶען הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן וַוייזְן דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וְכוּ' וְכוּ'.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט טְרֶעפְן אַ וֶועג וַוייזֶער אַ צַדִיק וָואס זָאל דִיר הֶעלְפְן אִין לֶעבְּן, אַ וֶועג וַוייזֶער וָואס וֶועט דִיךְ בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק (דְבָרִים טז, יח): "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ", עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ נֶעמֶען אַ פִירֶער; שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי פְרַאגֶע, וֶועם נֶעמְט מֶען פַּאר אַ מַנְהִיג? וֶועם נֶעמְט מֶען פַּאר אַ וֶועג וַוייזֶער? "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ", אֵיינֶער וָואס גֶעבְּט דִיר אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן אֱמוּנָה אוּן פוּן תְּפִלָּה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ד)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב?

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים,
ג' אֱלוּל, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיינֶע טַייעֶרֶע חֲבֵרִים, תַּלְמִידֵי הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ הַקּוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

ווי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס דֶערְמַאנְט אוּנְז פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; וִויפִיל מִיר פַארְגֶעסְן אוּן מִיר גֵייעֶן צוּרִיק צוּ אוּנְזֶערֶע שְׁטוּתִים - קוּמְט דֶער רֶבִּי אוּן וֶועקְט אוּנְז, אוּן דֶערְמַאנְט אוּנְז מִיר זָאלְן נָאכְאַמָאל טְרַאכְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעט אוּנְז מִיר זָאלְן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, וָואס אִיז דִי לִימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אַנְדֶערְשׁ פוּן אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים? אַלֶע צַדִּיקִים רֶעדְן דָאךְ פוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאכְן; פוּן תּוֹרָה, פוּן תְּפִילָּה, פוּן אֱמוּנָה וְכוּ' וְכוּ', וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב? זָאגְט מוֹהֲרָא"שׁ, אַלֶע צַדִּיקִים וַוייזְן דִיר אַ וֶועג וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אָנְקוּמֶען נָאנְט וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער צַדִּיק זָאגְט - דוּרְךְ תּוֹרָה וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען הוֹיךְ, דֶער צַדִּיק זָאגְט - דָאס אִיז דִי וֶועג וְכוּ', ווִידֶערְאוּם דֶער רֶבִּי זָאגְט אַנְדֶערְשׁ, דֶער רֶבִּי עֶפְנְט אוּנְז דִי אוֹיגְן מִיר זָאלְן זֶען אַז 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר', מֶען דַארְף נָאר עֶפֶענֶען דִי מוֹיל אוּן אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ אִים.

נֶעכְטְן בַּיים שִׁיעוּר הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט (דְּבָרִים טז, יח): "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ" מֶען זָאל שְׁטֶעלְן מַנְהִיגִים, דִי שְׁאֵלָה אִיז וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען צוּ וֶועלְכֶער מַנְהִיג צוּ גֵיין? מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסְן צַדִּיק אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, זֵיי וואוֹינֶען אִין אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט מִיט אַסַאךְ גוּטֶע אִידְן, וֶועם זָאלְן זֵיי נֶעמֶען פַאר אַ רֶבִּי? הָאט דֶער צַדִּיק גֶעעֶנְטְפֶערְט, עֶס שְׁטֵייט אִין דִי תּוֹרָה: "שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ", מֶען זָאלְן מְמַנֶּה זַיין אִין יֶעדֶע שְׁטָאט אוּן אִין יֶעדֶע גֶעגְנְט רַבָּנִים אוּן דַיָּינִים, וֶועלְכֶער מַנְהִיג זָאל מֶען אוֹיפְנֶעמֶען? "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ לִשְׁבָטֶיךָ" אַ מַנְהִיג וָואס שַׁיינְט אַרַיין אִין עֶנְק 'דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, רֶעד צוּ אִים, בֶּעט אִים'.

אִינְטֶערֶעסַאנְט אִיז, וֶוען אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ רֶעדְט מִיט אַ פְּרֶעמְדֶער, וֶוען יֶענֶער וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶר דְרֵייט זִיךְ אִין רֶבִּינ'ס חֵדֶר, אִין הֵיכָל הַקּוֹדֶשׁ - וֶועט יֶענֶער פְרֶעגְן: "דוּ בִּיסְט בְּרֶסְלֶב?" וַוייל נָאכְן רֶעדְן אַפָּאר וֶוערְטֶער אוּן הֶערְן וִוי אִין יֶעדֶע שְׁמוּעֶס קוּמְט אַרַיין אֵייבֶּערְשְׁטֶער, "אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לְךָ" - וֵוייסְט מֶען שׁוֹין אַז דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַז מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי וָואךְ נָאךְ אַ שׁוּלֶע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט אַ בֵּית פֵּיגָא אִין בְּנֵי בְּרַק; אִיךְ בַּאקוּם צוּרִיק זֵייעֶר שֵׁיינֶע גְרִיסְן וִוי דִי לֶערֶערִינְס אַרְבֶּעטְן גֶעטְרֵיי, מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה מִיט שִׂמְחָה.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשפ"ד)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה חֵלֶק שֵׁנִי

ג. מִי שֶׁמְּבַקֵּשׁ רַחֲמִים עַל בְּנֵי דוֹרוֹ, זוֹכֶה לְגִלּוּי שְׁכִינָה. וֶוער עֶס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן זַיין דוֹר, אִיז זוֹכֶה צוּ גִלּוּי שְׁכִינָה, צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

ד. עַל יְדֵי שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת מַמְשִׁיכִין שְׁכִינָתוֹ לְמַטָּה. דוּרְכ'ן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דִי שְׁכִינָה דָא אוּנְטְן, מֶען מַאכְט אַז מֶען זָאל אוֹיךְ דָא שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֵּיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶונְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בֵּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בֵּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָּשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְוִוישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן הֵיילִיגְן אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ אַז דִי פֶערְצִיג טֶעג פוּן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל בִּיז נָאךְ יוֹם כִּיפּוּר, אִיז דָא דֶעמָאלְט אַזַא גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן אִין הִימְל, דִי זֶעלְבֶּע וִוי וֶוען מֶען עֶפֶענְט אוֹיף דֶעם אָרוֹן קוֹדֶשׁ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז בַּאקַאנְט אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֵת רָצוֹן וָואס מֶען קֶען אַלֶעס אוֹיס'פּוֹעֶל'ן בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, דִי זֶעלְבֶּע עֵת רָצוֹן אִיז אוֹיךְ דָא אִין דִי גַאנְצֶע פֶערְצִיג טֶעג. וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל נוּצְט אוֹיס דִי טֶעג מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט עֶר זִיכֶער פּוֹעֶל'ן גָאר גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת.

### עֶס אִיז נִישְׁט דָא גֶענוּג צַייט

דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוען מֶען מַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן מִיט יִשּׁוּב הַדַּעַת, זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ אֱלוּל צוּ קֶענֶען עֶנְדִיגְן דִי פִילֶע שִׁיעוּרִים וָואס אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן הָאבְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ. וֶוער עֶס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן אִין דֶעם חוֹדֶשׁ צוּ עֶנְדִיגְן גַאנְץ תַּנַ"ךְ, אַלֶע רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, תִּיקּוּנֵי זֹהַר, שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, הֲלָכוֹת פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ, אוּן דָאס אִיז שׁוֹין אוֹיסֶער דִי אַלֶע שִׁיעוּרִים וָואס מֶען הָאט שׁוֹין פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אִיז וִוי בְּלַייבְּט נָאךְ אִיבֶּער עֶפֶּעס צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען דֶעם חוֹדֶשׁ?

מֶען זֶעט אַז אֲפִילוּ אִין דִי פְלֶעצֶער וואוּ עֶס אִיז נִישְׁט אַיינְגֶעפִירְט צוּ זָאגְן "יוֹם כִּיפּוּר קָטָן" יֶעדְן עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, זָאגְט מֶען עֶס אָבֶּער אִיבֶּעראָל עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל בַּאקוּמְט יֶעדֶער אִיד אַ הִרְהוּר תְּשׁוּבָה, יֶעדֶער וִויל תְּשׁוּבָה טוּהְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים

עֶס דְרֵייט זִיךְ אַרוּם אַ טַייטְשׁ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעזָאגְט אוֹיפְ'ן פָּסוּק "אַל תִּפְנוּ אֶל הָאֱלִילִים", אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין גְרוֹיסֶע עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס טָאר נִישְׁט מֶען זָאגְן, אַזַא טֵייעֶרֶע חוֹדֶשׁ וָואס אִיז אֵייבִּיג גֶעוֶוען אָנְגֶענוּמֶען בַּיי כְּלַל יִשְׂרָאֵל אַלְס אַ צַייט פוּן תְּשׁוּבָה אוּן זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְן דִי מַעֲשִׂים, קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן מִיט אַ וֶוערְטְל.

אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז דֶער טַייטְשׁ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם וָואס גֶעוִוויסֶע ווִילְן אַיינְפִירְן אַ נַייעֶ מִנְהָג אַז מֶען מַאכְט נִישְׁט חֲתוּנָה אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוֹיף דֶעם אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין

<<<<<<

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

עֵסֶק פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. דָאס קֶען שׁוֹין יָא זַיין אֱמֶת, אַזַא מִנְהָג שְׁטֵייט נִישְׁט אִין עֶרְגֶעץ, עֶס אִיז קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן קֶעגְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ, עֶס וֶוערְט נִישְׁט דֶערְמַאנְט אִין קַיין שׁוּם פּוֹסֵק אַז מֶען זָאל נִישְׁט חֲתוּנָה מַאכְן חוֹדֶשׁ אֱלוּל. פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דֶער חוֹדֶשׁ אִיז מְסוּגָל פַאר אַלֶעס, אוּן אוֹיךְ פַאר חֲתוּנָה מַאכְן.

וואוּיל אִיז פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נוּצְט אוֹיס דֶעם חוֹדֶשׁ וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, מִיט אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיט אַסַאךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה. אַוַודַאי דַארְף מֶען הִתְחַזְקוּת אוֹיף דֶעם אוֹיךְ, וַוייל אַסַאךְ מָאל נֶעמְט מֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ עֶנְדִיגְן אַסַאךְ שִׁיעוּרִים אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן עֶס צוּ עֶנְדִיגְן אִינְגַאנְצְן, דַארְף מֶען וִויסְן אַז אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל קֶען מֶען עֶס נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה, אוּן אוֹיבּ מֶען הָאט עֶס נִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה קֶען מֶען נָאךְ מַשְׁלִים זַיין בִּיז זֹאת חֲנוּכָּה וָואס אִיז נָאךְ אַ הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי יָמִים נוֹרָאִים, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים שְׁרַייבְּן, מֶען טָאר אָבֶער נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען גֶעדֶענְקְן אוֹיסְצוּנִיצְן דִי טֶעג, אוּן נִישְׁט אָנְבְּרֶענְגֶען דִי טֵייעֶרֶע צַייט, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גוּטֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז גוּט וֶועט קוּמֶען אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע יָאר פוּל מִיט אַלֶע גוּטֶע זַאכְן בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחְנִיּוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"ש חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (רכ)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ אִין שְׁטָאט לֶעמְבֶּערְג, וואוּ עֶר וֶועט גָאר שְׁוַואךְ אוּן קְרַאנְק**

**תשמ**

בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּ דִי כּוֹחוֹת, צוּבִּיסְלֶעךְ הָאט עֶר שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן עֶר הָאט שׁוֹין גֶעקֶענְט אַרוֹיסְגֵיין, עֶר אִיז אָבֶער נָאכְגַאלְץ גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוַואךְ.

כָאטְשׁ וָואס דִי הוּסְט קְרֶענְק הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיפְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער אָנְגֶעגַאנְגֶען מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶוען רוֹב טָאג מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פֵייעֶרְדִיגֶע דְבֵיקוּת. עֶר פְלֶעגְט גֶעווֶענְלִיךְ גֵיין שְׁפַּאצִירְן אַלֵיין, אוּן דֶעמָאלְט הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי אַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֵייט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע דְבֵיקוּת אוּן זַיינֶע לִיפְּן שָׁאקְלֶען זִיךְ, עֶר הָאט דִי גַאנְצֶע צַייט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן צַייט צוּ צַייט זֶענֶען אֵיינְצֶעלְנֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זִיךְ דָארְט אוֹיפְגֶעהַאלְטְן בַּיים רֶבִּי'ן פַאר אַ וָואךְ צְוֵויי. כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע לַאנְגֶע וֶועג בִּיז לֶעמְבֶּערְג, אוּן מֶען הָאט אוֹיךְ גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין אַ גְרֶענִיץ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן זֶענֶען פִילֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן, אוּן דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט וֶוער עֶס אִיז גֶעקוּמֶען.

אֵיינְמָאל אִיז גֶעקוּמֶען ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק פוּן טְשֶׁעהְרִין זַ"ל, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן מִיט אִים, אוּן פְּלוּצְלִינְג הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען אוֹיפְ'ן וֶועג וִוי עֶס גֵייט דוּרְךְ אַ גְרוּפֶּע סָאלְדַאטְן, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר ר' שְׁמוּאֵל יִצְחָק עֶר זָאל אַהִינְגֵיין אוּן אָפְּצֵיילְן אַ גֶעוִויסֶע צָאל רֵייעֶס פוּן סָאלְדַאטְן, אוּן בַּיי יֶענֶע רֵייעֶ זָאל עֶר צֵיילְן אַזוֹיפִיל אוּן אַזוֹיפִיל סָאלְדַאטְן, אוּן יֶענֶעם סָאלְדַאט זָאל עֶר אִים אַרוֹיפְרוּקְן דֶעם אַרְבְּל.

עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי יֶענֶער סָאלְדַאט אִיז אָנְגֶעקְלֵיידֶעט מִיט תַּכְרִיכִים, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דָא אִיז דֶער וֶועג וִוי דִי מַלְאֲכֵי חַבָּלָה פִירְן מֶענְטְשְׁן צוּם גֵיהִנּוֹם.

**תשמא**

ר' שְׁמוּאֵל פוּן טְשֶׁעהְרִין הָאט אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶען דֶעמָאלְט בַּיים רֶבִּי'ן גָאר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, אַז כָאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען גָאר גָאר שְׁוַואךְ, אוּן עֶס אִיז אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען דָאס רֶעדְן צוּלִיבּ דִי הוּסְט קְרֶענְק, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט גָאר אַסַאךְ מִיט יֶעדְן וָואס אִיז נָאר גֶעקוּמֶען צוּ אִים, צוּ יֶעדְן הָאט עֶר גֶערֶעדְט אַסַאךְ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פוּנֶעם רִיכְטִיגְן תַּכְלִית, אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם תַּכְלִית נָאר צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל אַסַאךְ רֶעדְן אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען הָאט גֶעזֶען וִוי דָאס רֶעדְן קוּמְט אָן פַארְ'ן רֶבִּי'ן מַמָּשׁ מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר אוֹיךְ דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט גָאר אַסַאךְ פוּן עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז אַלְץ גֶעוֶוען, אוּן עֶר הָאט גֶעצוֹיגְן דִי הֶערְצֶער

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




# אוֹיסְהֵיילְן דִי שְׁוֶוער הַארְץ אוֹיף דִי וַוייבּ?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי שְׁוֶוערֶע הַארְץ וָואס אִיךְ הָאבּ אוֹיף מַיין וַוייבּ?

אִיךְ בֶּעט יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן אוּן לֶעבְּן בְּשַׁלְוָה, אָבֶער דִי אַלְטֶע וֶוייטָאגְן (אוּן אוֹיךְ דִי פְרִישֶׁע) לָאזְן נִישְׁט. אִיךְ בִּין אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן פְּרוּבִּירְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אִיךְ פִּיל וִוי מִיר לֶעבְּן סְתָּם גֶעמַאכְט. מִיר וואוֹינֶען אִין אֵיין הוֹיז מִיט קִינְדֶער, אִיךְ בֶּעט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאל מִיר הֶעלְפְן.

*יְיַשֵּׁר כֹּחַ*

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ד' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ו מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ה לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

וִוי מֶער מֶען חַזֶר'ט אֱמוּנָה - גֵייעֶן אַרוֹיס וֶוייטָאגְן פוּן הַארְץ. אַז מֶען וֵוייסְט אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט אַז אַלֶעס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס הָאט אַ חֶשְׁבּוֹן פִּינְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי עֶס זָאל זַיין - גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע וֶוייטָאג, אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען וֶוערְט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק אֱמֶת, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי - וָואס עֶפְנְט אוּנְז דִי אוֹיגְן אוּן לֶערְנְט אוּנְז וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן אָנְקוּקְן אַ צְוֵוייטְן, מִיט רַחֲמָנוּת גֶעפִילְן אוּן דַן זַיין לְכַף זְכוּת, בִּפְרַט וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן דִי וַוייבּ; צוּ קוּקְן אוֹיף אִיר מִיט רַחֲמָנוּת גֶעפִילְן, וִוי זִי לַיידְט אִין לֶעבְּן פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן וָואס זִי גֵייט אַרִיבֶּער וְכוּ' וְכוּ' - דֶעמָאלְט גֵייעֶן אַרוֹיס אַלֶע וֶוייטָאג.

אַז דַיין וַוייבּ הָאט דִיר אַסַאךְ וֵויי גֶעטוּן אוּן דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי וֶוייטָאג פוּן הַארְצְן, זָאלְסְטוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, זָאג: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מֶער נִישְׁט לִיבּ מַיין וַוייבּ, עֶס אִיז אָפְּגֶעקִילְט גֶעוָוארְן דִי לִיבְּשַׁאפְט, אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן אַלֶע יָארְן פוּן אִיר, אִיךְ קֶען אִיר נִישְׁט מוֹחֵל זַיין, אָנָּא ה' אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אִיר קֶענֶען מוֹחֵל זַיין, גֶעבּ מִיר אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס וָואס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער, אַלֶע מַיינֶע וֶוייטָאג - הָאט נִישְׁט מִיט אִיר, דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעדַארְפְט אַרִיבֶּער גֵיין, זִי אִיז נָאר לֵיידֶער גֶעוֶוען דִי שָׁלִיחַ דָאס אוֹיסְצוּפִירְן, אוּן אַז זִי וָואלְט עֶס נִישְׁט גֶעטוּן - וָואלְט עֶס אַ צְוֵוייטֶער גֶעטוּן. אָנָּא ה' הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט בִּיסְטוּ, אוּן וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט אִיז דָאס דוּ, אוּן וֶוען עֶס אִיז חָלִילָה פַארְקֶערְט - אִיז דָאס וַוייטֶער דוּ. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען מוֹחֵל זַיין מַיין וַוייבּ מִיט מַיין גַאנְצֶע הַארְץ, אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ וֶועל אִיר מוֹחֵל זַיין - זָאלְסְטוּ מִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן אַזוֹיפִיל עֲבֵירוֹת. הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיךְ יֶענֶער בַּאנְדִיט, אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין צוּרִיק פַאלְן, וִויפְל אִיךְ זָאג דִיר צוּ אַז אִיךְ גֵיי זַיין אָפְּגֶעהִיטְן, אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט זִינְדִיגְן - פַאל אִיךְ אַרָאפּ נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, זַיי מִיר מוֹחֵל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן אֱמֶת'עֶ שְׁלוֹם בַּיִת בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר דִיר אוּן פַאר דִי שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה, זֵיי הָאבְּן אַלֶעס אַוֶועק גֶעגֶעבְּן נָאר אַז עֶס זָאל זַיין יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ה)

פוּן דִי צוּהֶערֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מַמָּשׁ בִּיז כְּלוֹת הַנֶּפֶשׁ.

### תשמב

נָאנְט צוּ וואוּ דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעוֶועןּ, הָאט גֶעוואוֹינְט דָארְט אַ רָב, וָואס הָאט גֶעהַאט אַ זוּן אַ פְרִישֶׁער אִינְגֶערְמַאן, אוּן יֶענֶער פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיינְקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי"ן, עֶר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים אוּן הָאט זִיךְ אַבִּיסְל נָאכְגֶעצוֹיגְן נָאכְ'ן רֶבִּי'ן.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז דֶער רֶבִּי הָאט כִּמְעַט נִישְׁט גֶערֶעדְט אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען עֶר אִיז גֶעלִיגְן אִין בֶּעט גָאר קְרַאנְק, עֶר הָאט גֶעהַאט אַן אַנְצִינְדוּנְג אִין דִי לוּנְגֶען וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט גֶעפֶערְלִיכֶע יִסוּרִים אוּן גֶעמַאכְט שְׁוֶוער דָאס רֶעדְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט אַסַאךְ גֶעוִויזְן מִיט דִי הַאנְט צוּ מְרַמֵז זַיין וָואס עֶר וִויל. אָבֶּער שְׁפֶּעטֶער וֶוען דִי יִסוּרִים הָאבְּן אַבִּיסְל אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלָאזְן, הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן אַסַאךְ רֶעדְן אוּן זָאגְן תּוֹרָה.

עֶס פְלֶעגְן זִיךְ דָארְט צוּזַאמְקוּמֶען דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט צוּ הֶערְן תּוֹרָה פוּן רֶבִּי"ן, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַ גְרֶעסֶערֶע עוֹלָם, אוּן נָאכְדֶערְצוּ וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דֶעמָאלְט זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָארְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין אַזַא שְׁטַארְקֶע דְבֵיקוּת, בִּיז עֶר אִיז שִׁיעוּר אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט טוּנְקְל אִין שְׁטוּבּ, עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען נָאכְ'ן זְמַן מוֹצָאֵי שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, "אוּן אִיךְ", דֶערְצֵיילְט דֶער אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער אִינְגֶערְמַאן, "הָאבּ גֶעזֶען אוּן גֶעשְׁפִּירְט אַז פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהַאלְטְן נָאנְט צוּ יְצִיאַת נְשָׁמָה, בִּין אִיךְ שְׁנֶעל אַרוֹיסְגֶעלָאפְן אוּן גֶעבְּרֶענְגְט אַ לִיכְט, אוּן דַאן הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט זַיין דְבֵיקוּת, אוּן עֶר הָאט צוּרִיק גֶעכַאפְּט זַיין חַיוּת".

נָאךְ הַבְדָלָה, וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם לִיכְט אוּן אִים גֶערַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פוּן אוֹיסְגֵיין פוּן גְרוֹיס דְבֵיקוּת אוּן הִתְלַהֲבוּת, הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ בַּאדַאנְקְט פַאר אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אוֹיסְגֶעלוֹיבְּט רֶבִּי נָתָנְ'ן, דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט, "אֵיי אִיז דָאס אַ נָתְ'לֶע", אוּן דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעפִירְט, "אוֹיבּ וֶועסְטוּ קוּמֶען צוּ פָארְן צוּ מִיר קַיין בְּרֶסְלֶב, וֶועל אִיךְ מַאכְן פוּן דִיר אַזַא חִידוּשׁ אַזוֹי וִוי מַיין נָתְ'לֶע".

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִיק"

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# בענקשאפט שטייגט צום הייליגן רבינ'ס ראש השנה אין אומאן

וואס א טאג נענטער עס קומט צו ראש השנה, שטייגט די גלוסטעניש און בענקשאפט ביי אידישע קינדער, זוכה צו זיין אנצוקומען צום הייליגן רבי'ן אין אומאן אויף ראש השנה, זוכה צו זיין צו די גרעסטע זאך וואס מען קען נאר טון, אזוי ווי דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אויף זיין ראש השנה, "וואס זאל איך אייך זאגן? קיין גרעסערס פון דעם איז נישט פארהאן!"

אין די לעצטע פאר וואכן שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א יעדן טאג אינעם טעגליכן בריוו, וויפיל טעג מען האלט שוין צום פארן קיין אומאן, און צו דעם שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א צו עטליכע ווערטער איבער ראש השנה.

דעם דאנערשטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן אינעם בריוו ווי פאלגנד:

"מיר גרייטן זיך שוין צו אונזער נסיעה קיין אומאן, זיין ביים רבי'ן ראש השנה, אין איין און צוואנציג טעג פארן מיר קיין אומאן; ווי מער א מענטש בענקט אוןווארט צו קומען צום רבינ'ס ציון - וועט ער ביים סוף אנקומען.

מוהרא"ש דערציילט, דער רבי האט געהאט צוויי מחותנים גרויסע צדיקים, איינער איז געווען הרב הקדוש מוואלטשיסק זכותו יגן עלינו און דער צווייטער מחותן איז געווען הרב הקדוש מחמעלניק זכותו יגן עלינו, דער הייליגער וואלטשיסקער זכותו יגן עלינו האט זייער שטארק געוואלט פארן קיין ארץ ישראל, פערציג יאר האט ער געבענקט, געהאפט און געוואלט אנקומען קיין ארץ ישראל, ער האט אסאך געבעטן און מתפלל געווען אויף דעם. ווען דער חמעלניקער רב זכותו יגן עלינו האט דאס געהערט - האט ער דאס אוועק געמאכט, זאגנדיג: "אז מען וויל פארן קיין ארץ ישראל וואס דארף מען אזוי פיל בענקען, וועלן און האפן? וואס דארף מען בכלל דאווענען אויף דעם? מען נעמט געלט און מען פארט"; ווען דער רבי האט דאס געהערט האט דער רבי געזאגט: "איר וועט זען אז דער מחותן דער וואלטשיסקער רב וועט נאך אנקומען קיין ארץ ישראל אבער דער חמעלניקער רב וועט נישט אנקומען קיין ארץ ישראל". אזוי איז טאקע געווען; דער וואלטשיסקער רב זכותו יגן עלינו איז אנגעקומען קיין ארץ ישראל און ער ליגט אינעם צפת'ער בית החיים, ער מיט זיין גאנצע משפחה.

אז דו ווילסט זוכה זיין צו זיין ביים קיבוץ אין אומאן, דו ווילסט זיין ביים הייליגן רבינ'ס ראש השנה - זאלסטו זיך בענקען, און בעטן דעם אייבערשטן יעדן טאג אויף דעם, ווייל קענען קומען קיין אומאן איז דא נאר די איין עצה: "תפלה, און נאכאמאל תפלה און נאכאמאל תפלה"; קיין אומאן צום רבי'ן קומט מען נאר אז מען דאווענט אסאך צום אייבערשטן. זארג נישט פון וואו דו וועסט האבן געלט, וויפיל מענטשן האבן געלט און קומען נישט? און וויפיל טויזנטער מענטשן קומען קיין אומאן אן קיין איין פרוטה? מען קומט מיט ווילן, בענקען און האפן; מען קומט מיט בענקשאפט, מיט בעטן און בעטן און בעטן.

פארגאנגענע וואך זונטאג האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן: "מיר גרייטן זיך שוין צו אונזער נסיעה קיין אומאן, זיין ביים רבי'ן ראש השנה, אין דריי און דרייסיג טעג פארן מיר קיין אומאן; קוק נישט אויף דעם וואס די נסיעה קאסט אזויפיל געלט, ווען עס איז א לעבנ'ס פראגע וואלט א מענטש אוועק געגעבן אלעס אויף די וועלט אבי ער זאל לעבן. עס שטייט: "עור בעד עור, וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו" (איוב ב, ד), זאגט רש"י: "כן דרך בני אדם, כשרואה החרב באה על ראשו, מגין בזרועו לפניו, וכל שכן כל אשר לאיש בממון, יתן",ווען א מענטש זעט אז מען וויל אים חס ושלום שטעכן אין קאפ, לייגט מען די האנט - מען זאל ענדערש צעשטעכן די האנט ווי איידער דעם קאפ וכו', און זיכער אז מען וועט זיך ראטעווען מיט געלט ווי איידער מען זאל חס ושלום געשעדיגט ווערן, און אז ראש השנה גייט מען אונז דן זיין אונזער לעבן, די לעבן פון די משפחה, און דא איז דא א רבי וואס זאגט: "איך קען יעדן איינעם העלפן" - ווי קען מען קוקן אויף געלט? ווי קען מען זאגן אז די יאר קען מען נישט פארן צוליב געלט?"

די טראוול אגענטן געבן איבער אז עס לויפן שוין אויס די טיקעטס קיין אומאן, מען דארף זיך דערמאנען באצייטנס צו מסדר זיין די פאספארטן, די וועגן און שטעגן, די אכסניא אין אומאן, און אלע געברויכן, אז מען זאל קענען זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה.

רופט נסיעה טרעוול אויף 845-444-8785 פאר סיי וועלכע וועג איר ווילט פארן, צי מיט'ן טשארטער קיין פוילן, צי דורך אנדערע וועגן, ווי אויך די וועגן פון אלע לענדער ארום אוקריינא צו קענען אנקומען קיין אומאן.


## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **נחמן יואל וועבערמאן** הי"ו קרית יואל
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **יצחק אפפעלבוים** הי"ו לעיקוואוד
צו די שידוך שליסן פון זיין זון
החתן **יוסי אפפעלבוים** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שאול חיים איינהארן** הי"ו סטעטן איילענד

## פרייליכע חודש אלול

חודש אלול איז טרויעריג, פרייליך, געשמאק אדער אנגעזעצט? האט פשט זיך אויפצופרישן אלול נאך אלע דורכפעלער אלע יארן אלול?

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 11, 2, 76**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


< BreslevCenter.com >